Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

ח.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## ח.

מיר גייט דאס דרייצנטע יאָר.

איך, וואָס כבין געוועזן אומצופרידן פון זיך, וואס כהאָב תמיד געפילט, אז נישט אזוי דארף מען לעבן, און סאיז נישט געוועזן קיין מינוט, בעת וועלכער כזאָל נישט פילן די נויטיקייט צו ענדערן, אנצוהייבן דאָס לעבן פונדאָסניי, — איך האָב געהאָפט, אז מיין בר-מצוה-ווערן וועט ברענגען די נויטיקע ענדערונג אין גיין לעבן; פון אָטאָ דעם גרויסן טאָג אָן וועל איך ווערן אַן אנדערער, וועל איך ווערן אַ מענטש, וועל איך זיין ראוי אנגערופן צו ווערן מיטן נאמען י י ד, איך וועל מיך שטארקן אין דער מלחמה מיטן יצר הרע, ווייסנדיק, אז דער שכר און דער עונש פאר מיינע מעשים און פאר מיינע מחשבות וועלן פון איצט אן פאלן אויף מיין קאָפּ און נישט אויף מיין טאַטנס. און מיינע פארבארייטונגען צו דעמדאזיקן טאָג זענען טאַקי געוועזן גרויסע און פארשיידענע ... אבער דער טאָג גופא איז געוועזן אַ טאָג ווי אלע טעג. קיין שום איבערגאַנג האט זיך אין מיר נישט געשפירט. ער האט קיין זאך נישט אפגעגרעניצט און גארנישט מחדש געוועזן. מיין מלחמה-פירונג האט זיך נישט פארבעסערט, מיינע פיילן זענען נישט שארפער געוואָרן, מיין דאַווענען איז נישט דערהויבענער געווארן און צו דער הייליקייט פון די תפילין האָב איך מיך צוגעוואוינט אין אַ קורצער צייט און איך האב אפילו גאר גיך אויפגעהערט אכ-טונג צו געבן אויף זיי, ווי, צוליב זינדיקע זאַכן.

סהאט נישט לאנג געדויערט און מיין צווייטע שטרעבונג, די עלטערע פון דער ערשטער: פאָרן אין אַ ישיבה, — איז אויך פארווירקלעכט געוואָרן. אָט גיי איך ארויס פון מיין טאַטנס רשות און ווער זעלבשטענדיק. זיי, די אַמעראַצים, די גראָבע יונגען, די „גויים" בלייבן איבער אין דער פינצטערקייט פון דערדאזיקער שטאָט און איך פאָר... סאַראַ גרויס גליק! אמת, אויך עובדיה וועט מיט מיר מיטפאָרן, אבער דאס איז נאר דערפאַר ווייל ער איז דעם רב׳ס זון און זיין גאַנץ פאָרן קומט ארויס צוליב מיר. ווען נישט די געלעגנהייט צו פאָרן מיט מיר צוזאַמען, וואלט אים ר׳ חנן-נתן נישט אָפּגעלאָזט פון זיך.

עובדיה איז אַ צארט יינגל. ער האט בלויע אויגן. ער איז געוויקסיק ווי זיין טאַטע, נאר ער האט סימפּאטישע געזיכט-שטריכן. ער האט אַ ביסל אַ צו גראָבלעכע נאז, דערפאר אבער גיבן אים צו אַ באַזונדער חן די הערלעך, וואס האבן אים געצוימען ארויסשפּראָצן ארום זיין ווייסער גאָמבע.

אין שטוב ביי אונז האט זיך אנגעהויבן דער טומל פון די צוגרייטונגען צו דער נסיעה. מיין מאַמע האט שוין געבראכט אין ארדנונג מיין „קעסטל", און איצט זיצט זי און וויינט.

— אַ יידענע בלייבט שטענדיק אַ יידענע! — זאגט דער טאַטע, ארומבלאָנקענדיק פון איין ווינקל צום אַנדערן נישט וויסנדיק וואס צו טאָן און ווי זיך נוהג צו זיין — פרעג זי: וואס איז ס׳געוויין? ער גייט דאך נישט דינען צום מיליטער, חלילה! דער רב האט אים מיטגעגעבן אַ בריוו. „יניק וחכים", אַ קליינער און אַ למדן, — אזוי שרייבט ער אויף אונזער ירמיה׳ן, וואס דארף מען נאָך? פרייען דארפסטו זיך, שוטה איינע, און נישט גיסן מיט טרערן פון אינדערפרי אָן.

— אוודאי ביסטו גערעכט... — ענטפערט אַ שטימע, אַ פארשטיקטע פון טרערן — אַ פרוי איז נישט קיין מאַנסביל... וואס איך וויין? וואס זאל איך טאָן — אז איך קען מיך נישט

איינהאַלטן ...בשום אופן ... זון מיינער, זונעלע ! ... ווען וועל איך זוכה זיין זיך צו זען מיט דיר ? דו פאַרלאָזט מיך ...

און דער יאָמער ווערט שטאַרקער.

איך אליין באַרעכטיק ביי זיך אין האַרצן אויך נישט דאס דאָזיקע וויינען. סאיז דאָך אַ יום־טוב היינט, איך פאָר לערנען תורה, איך פאָר אַ ה י ן ... מיין לעבן וועט זיך ענ־דערן ... עס וועט באַקומען אַן אַנדער אויסזען, און מיין מאַמע וויל דאָך, איך זאָל זיין אַ למדן. די תורה קומט אָן נאָר ד ע ם, ווער סאיז גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר איר ! אָבער מיין גליק פאַרטרייבט נישט, פונדעסטוועגן, מיין רחמנות און האַלט מיך נישט אָפּ פון מצער זיין זיך אַ „צער בעלי חיים", און איך באַמי מיך נישט ברענגען צום אויסדרוק די פרייד־געפילן, וועלכע טאַנצן אַרום אין מיר און גיבן מיר קיין רו נישט.

דעם רבי'ס זון איז געווען טרויעריק אפילו זיצנדיק שוין אינעם באַן־וואַגאָן.

— זיי געזונט צ.! ווען וועל איך צוריקקומען צו דיר ?

— און איך וויל נישט פאָרן אַהיים דריי יאָר נאָכאַנאַנד!... וואָס איז דאָ פאַראַן צו זען ? מיין מאַמעס פאַרטוך ? דאָרטן זענען מענטשן, דאָרטן זענען מתנגדים... דער טאַטע האָט מיר דערציילט... אַי־אַי.. דאָרטן זענען אַלע גרויסע „לומדים", אפילו די קוימענקערערס... דאָרט זענען דאָ יידישע קוימענ־קערערס און וואַסערטרעגערס.. און אַלע לערנען... דאָרטן —

— דאָרטן ווערט מען אויך קאַליע, זאָגט אלימלך, — רייצט זיך מיט מיר עובדיה.

און באמת, ווען דער טאַטע מיינער האָט געהאַט דער־ציילט אלימלכן, ווי ער האָט דערציילט אַלע איינוואוינער פון שטאָט, יעדן איינציקן באַזונדער, אַז זיין ירמיה פאָרט, האָט אלימלך געפונען פאַר נויטיק צו עצהנען מיין פאָטער, ער זאָל מיך אָפּט אַ היימברענגען, „ווייל דאָרטן, שלום געצל, איז אַ

„גוטע קאמפאניע‟. נישט אומזיסט רעדט די וועלט אויס אויף דער ליטע‟.

— דו ווייסט, שלום געצל, איך אליין לייען דעם „המליץ‟ און בין דער מורשה פון ועד, בין איך... אָבער דעם אמת דאַרף מען זאגען: פון וואָלאָזשין זענען אַרויסגעקומען גרויסע שקאָצים !...

— נישט מיין ירמיה! — ענטפערט מיין פאָטער מיט זיכער־קייט, כמעט מיט כעס, און ער פאַרגעסט אפילו צוצוגעבן זיין מלמדישן „כע־כע‟.

ביי זיך אין הארצן האָב איך געגעבן געריכט זיין זיכערקייט. ווער ווערט קאליע? שוטים ווערן קאליע, לייכט־זיניקע ווערן קאליע, אמעראצים ווערן קאליע, אָבער נישט איך! וואָס? אַ קינד בין איך, איך זאל מיך צוהערן צו דעם וואס די חברה־לייט וועלן מיר זאגן? און וואס קענען זיי מיר זאגן? וואס? כהאב דאָך געהערט אַ מאל, ווי דער טאטע מיינער האט געהאלטן אַ ויכוח מיט איינעם פון זיי־עריקע. סהאט אַמאָל געטראפען און דורך אונזער שטאָט איז פארביי־געפאָרן עפעס אַ משכיל, אַן אפיקורס — איז וואסזשע האָט ער אים געזאגט? אַז סאיז בעסער צו זיין א דאָקטאָר איידער אַ רב? איז, ערשטנס, איז עס נאך אַ ספק; און צווייטנס, לאָמיך אָננעמען, אַז די תורה איז נישט קיין תכלית אויף צו האָבן פארגעניגן דאָ, אויף דער וועלט, טאָ וואס פאר אַ נייס טוסטו מיר דאָ אויף? איך לערן דאך נישט כדי מזאל מיך רופן רב, איך לערן, ווייל סאיז אוממעגלעך נישט צו לערנען, ווייל דאָס לעבן איז דאך גארנישט אָן דער תורה, זי איז דאך דער יסוד פון דער וועלט... מיין תכלית איז דאס, וואָס איך האָב נישט קיין שום תכלית, וואס איך וויל נישט קיין תכלית, איך וויל נאר לערנען תורה לשמה, זיך מוסר־נפש זייענדיק צוליב איר. דעם דור פון ר׳ יהודה בר׳ אילעי האט מען גערופן דער גרויסער דור, ווייל דאמאלס פלעגן

זעקס תּלמידים זיך איינוויקלען אין איין טלית און לערנען תּורה... ווי אַזוי-זשע וועל איך קאַליע ווערן? זאָמד דיר אין די אויגן, שטן.

פונדעסטוועגן, נישט קוקנדיק אויף מיין שטאָלץ און גרויס האַלטן זיך, האָב איך זיך געשעמט צוצוגיין צו דעם יידן, וואָס איז געזעסן לעבן אונז, און פרעגן אים: „ווען קומט דער צוג אַהין און ווען ווילן מיר שוין זיין אין דער ישיבה?" כ'האָב מורא געהאַט, טאָמער וועט ער חוזקן פון מיר און אויסלאַכן דאָס, וואָס בּיי מיר איז הייליק. איך האָב געוווּסט, אַז ס'זענען פאַראַן אויף דער וועלט צעלאָזענע יינגען פאַר וועמען די ישיבה איז אַ חוזק-זאַך, הולטייעס, אויסער זיי זע-נען פאַראַן אויך אַפּיקורסים ממש, אַפּיקורסים אויף צו להכעיס, וואָס קענען זייער האַר און ווילן מורד זיין אין אים. אַזוי ווי יענע פון וועמען ס'האָבן אויך געליטן די חז"ל און בּורסיפּס קינדער פון אונזער שטאָט... און אלישע בן אבויה, „אחר", אַ חבר פון די דריי, וועלכע זענען אַריין אין פּרדס... ער איז אויך אַריין... מיט זיי איז ער אַריין... אַ בּליק געטאָן... אָבער אַ בּליק געטאָן און איז געשטראָכלט געוואָרן... שוואַך איז דער מענטש... אַ פליג...

---